# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

פרשת
חיי שרה
שנת תשפ"ה

גליון ז'


## מאמר: 'אין מזל לישראל' (ב)

### די עבודה פון מידת 'אַיִן' - אמת'ער ביטול צום אויבערשטן

די מעלה פון א מענטש איבער דער בהמה איז אז דער מענטש האט שכל | **אונזער שכל איז באגרעניצט צום אויבערשטן, דער דעת עליון** | אפילו מיט דער גרעסטער אמונה ובטחון דארף מען נאך ארבעטן אויף ביטול השכל | **א מענטש מאכט החלטות אבער דער אמת'ער מחליט איז דער אויבערשטער** | דער אויבערשטער גיט אריין אינעם שכל וויאזוי צו טראכטן | **ווען מען איז מבטל דעם שכל ליידט מען נישט פון שולד-געפילן** | דיין החלטה איז נישט 'דיין' החלטה און דיין דורכפאל איז נישט 'דיין' דורכפאל | **אויך אין עבודת ה' איז א מענטש מבוטל צום דעת עליון**

## א

## מבטל זיין דעם שכל

### די העכערע מדריגה פון ביטול

מיר האבן אויסגעשמועסט אין דעם פאריגן גליון אז ווען די חסידישע ספרים רעדן וועגן דער וויכטיגקייט פון ענוה, מיינט עס נישט בלויז די פשוט'ע ענוה וואס מיר זענען צוגעוואוינט, אז מען זאל גיין איינגעבויגן און רעדן איידל... נאר עס מיינט אסאך טיפערס. ענוה מיינט אז **מען גיט אינגאנצן אויף דעם אייגענעם רצון**, און מען איז זיך אינגאנצן מבטל צום רצון ה'.

אבער מיט דעם זענען מיר נאכנישט פארטיג. אפילו נאכדעם וואס א איד ווייסט שוין אז ער איז בטל צום אויבערשטן, איז ער נאכנישט צוגעקומען צו דער העכערער מדריגה פון ביטול. ער קען זיך נאך איינרעדן אז אפילו זיין רצון איז טאקע גארנישט קעגן דעם רצון ה', איז ער נאך אלץ א מענטש מיט אן אייגענעם שכל, און ער איז דאך א קלוגער בר-דעת וואס פארשטייט און 'האט ארויס' וואס ער דארף צו טון אין לעבן.

דער אמת איז אז דער מענטש איז טאקע באשאנקען געווארן מיט א קלוגן שכל, און ער קען פארשטיין און ארויסהאבן אן ענין. ווען ער קוקט זיך ארום אויף אלע באשעפענישן, און ער זעט אז די חיות און בהמות לעבן אָן קיין אייגענעם שכל, קען זיך אים דאכטן אז היות ער פארשטייט יא די בריאה און ער ווייסט וואס ער האט צו טון, האט ער אפשר יא עפעס א כוח אין זיך.

אבער ווען א מענטש קומט צו צו א העכערער מדריגה אין ביטול, פארשטייט ער אז אפילו ווען עס קומט צום כוח השכל, און דער מענטש פארשטייט עפעס מיט'ן אייגענעם דעת און פירט זיך לויט זיין פארשטאנד, איז דאס נאר ווייל עס פאדערט זיך טאקע פון אים אזוי צו לעבן, אבער **בעצם איז ער מבטל זיין שכל צום אויבערשטן** (חידושי אגדות למהר"ל עמ"ס בכורות ח: ד"ה ודע כי ר' יהושע). דהיינו, ער ווייסט אז אפילו ווען ער מאכט א געוויסע החלטה, ווייל ער האלט אז ער דארף אזוי טון און אז דאס איז דער רצון ה', קען ער אבער קיינמאל נישט 'עכט' וויסן וואס ער האט 'באמת' צו טון, ווייל דאס ווייסט נאר דער אויבערשטער אליין.

### ביטול השכל איז שווערער ווי ביטול הרצון

די עבודה פון מבטל זיין דעם שכל צום באשעפער, קען זיין אסאך שווערער ווי מבטל זיין דעם אייגענעם רצון צום באשעפער און מקבל זיין אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט אים, כאטש ער וואלט געוואלט ס'זאל זיין אנדערש.

א מענטש קען ארבעטן אויף זיך און

**א מענטש דארף שטענדיג ניצן דעם שכל, ווייל דאס לעבן איז פול מיט החלטות, עס איז כסדר דא א שיידוועג אין לעבן און דער מענטש דארף באשליסן אויף וועלכן וועג צו גיין.**

זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון אז דער באשעפער איז דאך אזוי גרויס, און אז **מען מוז זיך לאזן פירן פון אויבן און אננעמען מיט אמונה פשוטה** אז אלעס וואס פאסירט מיט אים איז גוט. דאס איז גאנץ גוט ווען עס פאסירן זאכן קעגן זיין ווילן, איבער וואס ער האט נישט קיין שום 'קאנטראל' אדער דעה, און עס איז לייכטער זיך אונטערצוגעבן צום רצון ה'.

אבער ווען עס קומט צום שכל איז דאס גארנישט אזוי פשוט. דער מענטש מוז דאך ניצן דעם אייגענעם שכל, און מיט דעם איז ער טאקע מער פון א חיה, ווייל א מענטש דארף מחשיב זיין זיין שכל און דורכטראכטן וואס ער האט צו טון אין זיין לעבן. אויב אזוי איז שווערער צו ארבעטן אויף ביטול השכל.

נאכמער, אפילו דעם ביטול פון וואס מיר רעדן כסדר, אז דער מענטש איז זיך מבטל צום רצון פון באשעפער, קומט אויך נאר פון דעם וואס ער האט **אריינגעטראכט מיט'ן שכל**, און ער האט דורכדעם אנערקענט אז מען קען נישט פארשטיין די וועגן פון באשעפער. ממילא קען זיך דאכטן אז דער שכל איז דער קעניג אויף דעם מענטש, און דארט איז נישט אזוי ווייט שייך דער ענין פון ביטול.

## ניצן דעם שכל מיט א גרעניץ

אבער מען דארף זיך אריינגעמען אין קאפ אז אפילו ווען א מענטש טוט זאכן וואס זיין שכל פארשטייט אז עס איז ריכטיג צו טון, און עס איז ביי אים קלאר ווי דער טאג אז אזוי דארף מען טון, איז ער נאך אלץ מבטל זיין שכל צום אויבערשטן. דאס הייסט אז ער טוט נישט די זאך ווייל 'ער האט פארשטאנען' אז ער דארף דאס טון, נאר ער טוט די זאך ווייל 'ער גלייבט' אז זיין שכל קומט פונעם אויבערשטן, און אז דער אויבערשטער האט אים אריינגעלייגט דעם געדאנק אז דאס איז יעצט ריכטיג צו טון (זוה"ק בראשית צ.).

אין איין ווארט: מען ניצט דעם שכל, אבער נאר מיט דער אמונה אז דער אויבערשטער לייגט אריין דארט די ריכטיגע החלטות, און נישט ווייל מען פארלאזט זיך אויפ'ן שכל. [זע תוספת נופך אות א].

עס איז טאקע א גוטע זאך אז דער מענטש זאל מחשיב זיין דעם שכל. דער שכל פון דעם מענטש איז דאך אזוי חשוב און גרויס, און דאס ברענגט אוודאי ארויף דעם מענטש צו א פיל העכערן שטאפל ווי א פשוט'ער בעל-חי.

אבער אין דער זעלבער צייט דארף מען האלטן קאפ, אז ווי קלוג ער זאל נאר זיין איז זיין שכל גארנישט מיט נישט קעגן דעם דעת עליון, אזוויווי דער פסוק זאגט **"מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתֶיךָ"** (תהלים צב, ו) און **"לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם"** (ישעיהו נה ח). דערפאר קען א מענטש קיינמאל נישט זיין זיכער אז דאס וואס ער האלט און ער פארשטייט איז באמת ריכטיג.

ב

# מאכן החלטות מיט ביטול השכל

## דער אויבערשטער קאנטראלירט דעם שכל

ווי פריער געשמועסט דארף א מענטש האלטן אין איין ניצן דעם שכל אגאנץ לעבן, ווייל דאס לעבן איז פול מיט החלטות, א מענטש דארף האלטן אין איין מחליט זיין זאכן, מ'קען נישט בלייבן שטעקן ווען מען שטייט פאר א שיידוועג, און אסאך מאל דארף מען מאכן זייער שווערע און קאמפליצירטע באשלוסן.

ביי יעדן ספק ליגט א חיוב אויפ'ן מענטש דורכצוטון דעם ענין, און מאכן דעם באשלוס, און אויב מעגליך זיך דורכרעדן מיט דעת תורה און אנדערע וואס האבן ערפארונג אין דעם ענין. **אבער אחרי ככלות הכל, נאכ'ן מאכן א באשלוס, טאר מען זיך נישט איינרעדן אז וויבאלד מען האט עס אזוי גוט דורכגעטראכט באדייט אז דער אייגענער שכל האט געברענגט צו דער ריכטיגער החלטה.**

דער איד מוז געדענקען אז הגם אויף דער מינוט קוקט אים אויס זיין יעצטיגע החלטה ריכטיג, איז ער נאך אלץ נאר א מענטש, וואס האט נישט דאס יכולת אנצוקומען צו דעם טיפסטן פארשטאנד. ממילא, אפילו ער דארף טון וואס זיין שכל זאגט אים, איז עס נישט ווייל זיין שכל איז יעצט בעל הבית נאר ווייל דער באשעפער האט אים אריינגעלייגט דעם געדאנק אין זיין שכל.

**דער מענטש דארף זיך האלטן אין איין חזר'ן: איך טו נאר וואס ס'קוקט מיר יעצט אויס ריכטיג, אבער סוף כל סוף ווייסט נאר דער אויבערשטער אליין וואס ס'איז 'באמת' ריכטיג צו טון.**

## ביטול השכל פארמיידט שולד-געפילן

אז מען טראכט אביסל אריין, זעט מען וויפיל עגמת נפש מען קען פארמיידן, אויב מען נעמט זיך אריין אין קאפ אז דער אייגענער שכל איז באגרעניצט.

עס איז מעשים בכל יום אז א מענטש האט א ספק וואס צו טון, ער טראכט דורך

דעם ענין און מאכט א באשלוס, און נאכ'ן טון דעם מהלך זעט ער איין אז ס'האט זיך נישט אויסגעארבעט אזוויי ער האט געמיינט. עס ווייזט זיך ארויס צום סוף אז מ'האט זיך טועה געווען, און דאס וואס מ'האט געטון איז למעשה געווען ווייט פון ריכטיג.

אזעלכע זאכן פאסירן כסדר, אפילו ביי די קליגסטע מענטשן, און איינער וואס האט נישט דעם 'ביטול' קען זיך יעצט אנהייבן ארומדרייען מיט שווערע שולד-געפילן. ער קלאפט זיך 'סלח לנו' אויף אָן א שיעור זאכן אין וואס ער באשולדיגט זיך אליין. ער עסט זיך אויף אינערליך, און ער האלט אין איין טראכטן, 'אוי ווי, פארוואס האב איך נישט געטראכט פאראויס וואס דא וועט פאסירן? פארוואס האב איך נישט גענומען אין חשבון דאס און יענץ?'

דער סארט צוגאנג קומט פון דעם וואס דער מענטש **רעדט זיך איין אז זיין שכל איז דער אמת'ער מחליט**, און דערפאר איז ער זיכער ביי זיך אז ווען ער זאל לכתחילה בעסער אריינטראכטן און טון אנדערש, וואלט דאס גאנצע בילד אויסגעקוקט אסאך בעסער.

אבער ווען א מענטש געדענקט און גלייבט אז זיין שכל קומט נאר פון באשעפער, און דער דעת עליון איז דער אמת'ער מחליט, און אפילו זיינע בעסטע החלטות, וואס ער האט דורכגעטראכט מיט א מורא'דיגער קלוגשאפט און טיפזיניגקייט, זענען אויך נישט פארזיכערט צו זיין די ריכטיגסטע, מאכט ער זיך ממש גרינג דאס לעבן.

ביי אזא איד, ווען עס ווייזט זיך ארויס שפעטער אז צוליב זיין החלטה האט ער געליטן א דורכפאל, ווערט ער נישט פארוויטאגט. עס בייסט אים נישט דאס געוויסן, 'פארוואס האב איך דאס אדער יענץ נישט גענומען אין באטראכט?' אד"ג, ווייל **ער ווייסט לכתחילה אז זיין אייגענער שכל איז נאך ווייניגער ווי דער שכל פון א קליין קינד**, קעגן דעם העכערן שכל – דער דעת עליון.

אזא איד פארשטייט אז כאטש מען דארף זיך טאקע פירן לויט'ן שכל, איז עס נאר ווייל דער געדאנק האט דער באשעפער אריינגעגעבן אין זיין קאפ, און אזוי קוקט אויס דאס בעסטע לויט'ן פארשטאנד וואס דער אויבערשטער האט אין אים יעצט אריינגעגעבן. אבער דער מענטש פארשטייט אז דער שכל איז יעצט נישט געווארן דער בעל הבית וואס געוועלטיגט, און נאר דער באשעפער ווייסט באמת וואס איז ריכטיג, און ער איז דער אמת'ער בעל הבית.

## דעם מלמד'ס שיקול הדעת

לאמיר דאס מסביר זיין מיט א משל:

א לאנגיעריגער מלמד האט געהאט עפעס א פראבלעם אין זיין כיתה מיט וואס מען האט זיך געמוזט אפגעבן. פארשטייט זיך אז דער מלמד ווייסט אז ער טאר נישט נעמען קיין שום שריט אָן איבערטראכטן די זאך מיט ישוב הדעת. האט ער טאקע אריינגעטראכט און דורכגעטון מיט אסאך מחשבה וויאזוי צו באהאנדלען די פראבלעם, און נאכ'ן אריינטראכטן אין דעם ענין האט ער געמאכט א החלטה וואס צו טון דערוועגן.

אפאר טעג שפעטער האט דער מלמד אויפגעמערקט אז ער האט פארזען עפעס א זייטיגע זאך, און דאס האט געברענגט אז זיין החלטה האט גאר געהאט א פארקערטע השפעה, עס האט נאך ערגער געמאכט די פראבלעם.

יעדער קען זיך אליין פארשטעלן ווי שלעכט דער מלמד פילט, כאפנדיג זיין 'טעות'. ער ווערט פארפלייצט מיט חרטה-געפילן, און ער באשולדיגט זיך, 'פארוואס האב איך דאס געטון? וויאזוי האב איך פארזען אזא וויכטיגן פרט?' זיין דורכפאל טוט אים זייער ווי, ספעציעל ווייל ער האט זיך דאך גוט איבערגעטראכט פון פריער, און ער האט באמת געמיינט נאר גוטס.

> **איינער וואס האט נישט קיין 'ביטול' קען זיך יעצט אנהייבן ארומדרייען מיט שווערע שולד-געפילן. ער קלאפט זיך 'סלח לנו' אויף אָן א שיעור זאכן אין וואס ער באשולדיגט זיך.**

דער מלמד קען זיך יעצט אויפעסן דאס געזונט, היתכן ער האט זיך נישט בעסער דורכגעטראכט איידער ער האט געמאכט דעם באשלוס.

## נאר 'זיין' שכל האט זיך טועה געווען

יעצט לאמיר זיך מתבונן זיין אין דער מעשה. ס'איז זיכער נישטא קיין סיבה צו באשולדיגן דעם מלמד פאר זיין אומגעראכטענעם דורכפאל, אזוויי חז"ל זאגן "**אֵין לוֹ לְדַיָּין אֶלָּא מַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת**" (ב"ב קלא.) – א מענטש דארף נאר באהאנדלען א מצב לויט דאס בילד וואס זיין אויג זעט, ווייל קיינער קען נישט וויסן וואס עס גייט אלץ פאר איבעראל. אז דער מלמד האט זיך גוט איבערגעטראכט פון פריער, האט ער בפשטות געהאנדלט ריכטיג, און מ'קען נישט האבן קיין שום טענות אויף אים.

מיט דעם אלעם, אבער, טראגט זיך דער מלמד ארום מיט שולד-געפילן, און ער קען זיך נישט מוחל זיין, '**וויאזוי האט מיין שכל געקענט אזוי פאַרנאַרן**?' דאס הייסט, ס'האט זיך אויפגעוויזן אז נישט נאר די עצם פעולה זיינע איז געווען א טעות, נאר אויך אז **זיין שכל** איז זייער באגרעניצט, און דער **אמת'ער שיקול הדעת** איז אסאך העכער פון זיין באגרעניצטן פארשטאנד.

פון דעם נעמען מיר ארויס אז אפילו מ'דארף אוודאי ניצן דעם שכל, מיינט דאס נאכנישט אז מיט דעם קומט מען אָן צום **אמת'ן** פארשטאנד, ווייל ס'איז דא א טיפערער שכל העכער דעם מענטשליכן שכל, וואס מ'איז בכלל נישט מסוגל משיג צו זיין. א איד דארף טון וואס קוקט אויס ריכטיג לויט'ן יעצטיגן פארשטאנד, און מ'דארף גלייבן אז דאס האט אונז דער אויבערשטער אריינגעגעבן יעצט אויף דער מינוט, און מיט דער צייט קענען זיך זאכן טוישן.

אין דעם פאל פון דעם מלמד, וואס מיר האבן אויסגעשמועסט, איז געווען דא א חסרון ידיעה וואס דער מלמד האט פארזען, אבער דאס זעלבע איז שייך ווען עס איז געווען א טעות אין שכל אדער הבנה, און דער מלמד האט פשוט נישט קלוג געהאנדלט. אויב האט ער עס באמת גוט דורכגעטראכט, דארף ער וויסן אז ער טאר זיך נישט אויפעסן מיט שולד-געפילן, ווייל **ער פארשטייט**

**מלכתחילה אז זיין שכל איז באמת זייער קליין און נישטיג.**

## ווען מען באגייט א טעות אין עבודת ה׳

די נקודה איז נישט בלויז נוגע אין פראקטישן טאג-טעגליכן לעבן, נאר עס איז פונקט אזוי נוגע אין עבודת ה׳.

אן ערליכער איד לייגט אריין מוח און מחשבה אין זיין עבודת ה׳, און ער טראכט אריין וויאזוי זיך אויפצופירן אין יעדן מצב וואס דער אויבערשטער שטעלט אים אריין. אויב ער קומט אָן למעשה צו א החלטה אז דאס און דאס וויל דער אויבערשטער ער זאל יעצט טון, איז אודאי זייער חשוב אז ער דינט דעם אויבערשטן מיט ׳שכל׳ און מיט ׳דעת׳, און ער איז זיך מתבונן אין דעם רצון ה׳ און פירט זיך וויאזוי ער פארשטייט דעם רצון ה׳.

אבער דער גרעסטער עובד ה׳ איז אויך א מענטש, געמאכט פון פלייש און בלוט, און מיט דער צייט ווערט ער ווארשיינליך איינזען אז דא און דארט האט ער געמאכט א טעות, און אויב איז ער נישט געגוג קלאר מיט׳ן מציאות אז זיין שכל איז סך הכל א ׳מענטשליכער שכל׳, וואס האט נישט דאס יכולת צו דערגרייכן דעם אמת׳ן טיפן פארשטאנד, ווערט אים ווי טון פון **פארוואס ׳זיין׳ שכל האט אים אנטוישט.** ער האט דאך אזוי געוואלט טון וואס ס׳איז ריכטיג, און דא האט אים דאס געפאטשט אין פנים. און כאטש ס׳איז ביי אים נישט קיין שום ספק אז פאר׳ן עצם זיך פלאגן צו טון דעם רצון ה׳ מיט א גוטער כוונה קומט זיך אים שכר, עסט ער זיך אבער נאך אלעם, **׳וויאזוי האט געקענט פאסירן אזא דורכפאל?׳**

אבער דער וואס איז דבוק אין מידת ׳אַיִן׳, ווען ער באשליסט צו נעמען א געוויסן מהלך, איז ער לכתחילה מבטל זיין שכל צום דעת עליון. און אפילו אויב שפעטער זעט ער אז דאס איז נישט געווען דער ריכטיגער מהלך, ווייסט ער אבער לכתחילה אז ער טוט גארנישט מיט ׳זיין׳ אייגענעם שכל, ווייל דאס איז דאך גארנישט ׳זיין׳ טעות, נאר אזוי האט דער אויבערשטער געמאכט אז ער זאל באשליסן. [זע תוספת נופך אות ב].

אזא איד לעבט שטענדיג מיט׳ן פסוק אין תהלים "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי" (מ, ט) – באשעפער, איך האב געוואלט טון דיין רצון. און אויב עס האט זיך אויסגעשטעלט אנדערש, גלייבט ער באמונה שלימה אז טאקע דאס האט אים דער אויבערשטער געפירט צו טון. און ממילא לעבט ער א רואיג לעבן, אָן קיין שולד-געפילן און חרטות, און ער מאכט באמת נישט קיין טעותים, ווייל דאס איז זיכער אז דער אויבערשטער מאכט נישט קיין טעות. [זע מילואים].

ג

# עבודת המידות מיט ביטול השכל

## פארוואס איז נישטא קיין שכל׳דיגער מהלך אויף עבודת המידות אין ספרי חסידות?

אין דעם פאריגן גליון האבן מיר אויסגעשמועסט אז אין חסידישע ספרים ווערט ווייניג ארומגערעדט איבער תיקון המידות, אויסער דער מידה פון ענוה. מיר האבן מסביר געווען בטוב טעם ודעת אז די ענוה פון וואס חסידישע ספרים רעדן מיינט א פיל טיפערן ענין, מבטל צו זיין דעם רצון צום אויבערשטן, און מיט דעם ווערן אויטאמאטיש פארראכטן אלע שלעכטע מידות. מיר דארפן אבער נאך אלץ פארשטיין פארוואס די חסידישע ספרים געבן נישט קיין עצות אויסגעבויט מיט׳ן שכל וויאזוי צו באקעמפן שלעכטע מידות.

למשל, מיר טרעפן נישט אין די חסידישע ספרים אז זיי זאלן מסביר זיין על פי שכל פארוואס עס לוינט זיך נישט אריינצופאלן אין כעס, אדער אז זיי זאלן ערקלערן מיט שכל׳דיגע הסברים פארוואס עצבות איז נישט גוט פאר׳ן מענטש. פארוואס טאקע זעט מען נישט אין די חסידישע ספרים אז זיי זאלן ארומארבעטן מיט׳ן שכל אויסצובויען תיקון המידות און זיך אויסארבעטן אין עבודת ה׳?

## ביטול השכל גייט צום שורש פון עבודת המידות

אבער יעצט קענען מיר שוין פארשטיין אז אויב א מענטש זאל ניצן דעם אייגענעם שכל צו ארבעטן אויף די מידות, ווערט עס אים אפשר העלפן אויף צייטווייליג, **אבער דאס גייט נישט ארבעטן אויף צו לאנג.** ער ווערט אריינטראכטן זייער טיף אז מען טאר נישט זיין אין כעס, און אז כעס איז נישט גוט פאר׳ן מענטש, און ער ווערט זיך טאקע ממש שטארקן ביי יעדן נסיון, אבער למעשה ווערט קומען איין טאג וואס איינער ווערט אים גוט אויפרעגן, און דאן ווערט ער אים אריינגעבן אזוינס און אזעלכס...

דער מהלך פון די חסידישע ספרים איז צו גיין צום שורש פון אלע מידות רעות. מען לערנט אויס פאר׳ן מענטש אז ער

## מילואים

זיכער קען א מענטש מאכן א טעות, אבער אויב ער האט גוט דורכגעטראכט די זאך און ער איז אנגעקומען צו דער החלטה, האט אים דער אויבערשטער אריינגעלייגט דעם "טעות" אין געדאנק. און במציאות איז עס נישט קיין טעות, נאר ער פארשטייט נישט פארוואס טאקע דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט. דאס איז א באזונדערער טיפער ענין דורכצוטון, און מיר וועלן נישט יעצט אריינגיין דערין.

זאל זיך ארייננעמען אין קאפ אז נישט נאר דארף ער מבטל זיין זיין רצון צום באשעפער'ס רצון, נאר אפילו זיין שכל איז אויך נישט עפעס אזוי מורא'דיג, און אפילו ער פארשטייט עפעס מיינט נאכנישט אז דאס איז ריכטיג. און נאך וואס א מענטש באַקט זיך איין מיט א קלארער ידיעה אז 'זיין' **שכל איז נישט עכט קובע**, נאר אלעס איז דער אויבערשטער מחליט לויט וויאזוי דער 'שכל העליון' פארשטייט, וועלן אויטאמאטיש אלע זיינע שלעכטע מידות אויסגעריסן ווערן פון אים.

א מענטש קען עוסק זיין אגאנצן טאג אין תיקון המידות, אבער אזוי לאנג ווי ער האלט נאך אלץ אז 'ער' פארשטייט און 'ער' ווייסט 'באמת' וויאזוי ס'דארף זיין, וועט ער ווייטער האלטן אין אייין אריינפאלן אין פארשידענע פראבלעמען, ווייל עס וועט שטענדיג אונטערקומען א מצב וואס דארט האלט ער אז מען האט אים 'באמת' באַ'עוולט, און די טיף באגראבענע שלעכטע מידות וועלן ארויסטאנצן פון זייער באהעלטעניש.

## ביטול השכל איז מבטל די מידות רעות

עס ווערט דערציילט א באקאנטע מעשה מיט הגה"ק רבי יונתן אייבעשיץ זצוק"ל, אז דער רבי ר' יונתן האט זיך מתווכח געווען מיט די חכמי אומות העולם אויב מען קען קען אויסלערנען א קאץ זיך צו פירן אזוויא א מענטש. די גוים האבן גענומען א קאץ און איר גוט טרעינירט פאר דרייסיג טעג, און דערנאך האט מען געמאכט א סעודה וואו די קאץ האט ארײנשפאצירט אויף צוויי פיס מיט א טאַץ עסן אין דער האנט.

רבי יונתן אייבעשיץ האט רואיגערהייט ארויסגענומען א פארמאכטע קעסטל פון זיין טאש און עס געעפנט, פון וואו צוויי מייזלעך זענען ארויסגעשפרונגען, און די קאץ האט גלייך אראפגעווארפן דעם טאַץ עסן און אנגעהויבן נאכלויפן די מייזלעך...

דאס זעלבע איז ווען מען 'טרענירט' זיך מיט'ן שכל צו ארבעטן אויף די מידות, און **אויב עס קומט אונטער א שווערער נסיון וועט די מידה רעה ארויסשפרינגען.**

אנדערש איז אבער ווען א איד ארבעט אויף זיך צו זיין אן אמת'ער עניו, וואס איז בטל צום באשעפער, און ער ווייסט און איז איבערצייגט אז דער מענטש אליין איז איין גרויסער גארנישט. זיין רצון איז צו טון דעם רצון ה', און זיין שכל איז בטל ומבוטל צום דעת עליון. ער ווייסט אז אפילו דער מענטשליכער שכל, וואס פארשטייט אלעס אזוי גוט און טיף, האט ער אויך נאר דורכ'ן בורא כל עולמים, און יעדע מחשבה ווערט אריינגעשיקט פון הימל. [זע תוספת נופך אות ג].

ביי אזא איינעם פאלן אוועק די מידות רעות פון זיך אליין, און ער לעבט מיט א נאטירליכער רואיגקייט און געוואלדיגער הכנעה צום בורא כל עולמים. ער מוז נישט אלעס פארשטיין און ער מוז נישט אלעס וויסן, ער געדענקט בלויז איין זאך, אז **ער ווערט געפירט פון אויבן.**

> **ביי איינעם וואס לעבט מיט ביטול, פאלן די מידות רעות אוועק פון זיך אליין, און עס ווערט ערוועקט אינעם מענטש א נאטירליכע רואיגקייט און געוואלדיגע הכנעה צום בורא כל עולמים.**

# תוספת נופך

א] וועגן דעם ענין אז מען דארף מבטל זיין דעם שכל צום דעת עליון, זע ספה"ק "שם משמואל" פרשת כי תשא (ד"ה במד"ר) וזלש"ק:

"הִשְׁתַּחֲוָיָה מִתְיַחֶסֶת לַשֵּׂכֶל שֶׁהָאָדָם לְבַדּוֹ הוֹלֵךְ בְּקוֹמָה זְקוּפָה מִפְּאַת הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ שֶׁמִּשְׁכָּנוֹ בַּמּוֹחַ שֶׁמּוֹשְׁכֵהוּ לְמַעְלָה, וְהִשְׁתַּחֲוָאָה שֶׁהִיא כְּפִיפַת קוֹמָה הִיא בִּטּוּל הַשֵּׂכֶל להשי"ת וְזֶהוּ שְׁלֵמוּת הַשֵּׂכֶל, כִּי זֶהוּ תַּכְלִית הַשֵּׂכֶל לֵידַע שֶׁאֵין מְצִיאוּתוֹ כְּלוּם נֶגֶד כְּבוֹד השי"ת, וּלְעֻמַּת שֶׁאָדָם מְבַטֵּל שִׂכְלוֹ וְדַעְתּוֹ מִפְּנֵי דַּעַת הַתּוֹרָה זוֹכֶה לַשֵּׂכֶל אֱלֹקִי כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ זַ"ל (ברכות ז.) במרע"ה בִּשְׂכַר מֵהַבִּיט זָכָה לוּתְמוּנַת ה' יַבִּיט".

ב] דער ענין אז אין עבודת ה' דארף מען מבטל זיין דעם שכל צום דעת עליון, ווערט ארויסגעברענגט אין ספה"ק "שפת אמת" בחקותי (תרנ"ב) וזלש"ק:

"כִּי הָאָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ דַּעַת מְחֻיָּב לְיַגֵּעַ עַצְמוֹ בְּשִׂכְלוֹ לֵדַע אֶת דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהַצֶּדֶק, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין בְּכֹחַ שֵׂכֶל הָאָדָם בְּעַצְמוֹ לִמְצֹא דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר, אַךְ צָרִיךְ לְבַטֵּל כָּל שִׂכְלוֹ לְהַתּוֹרָה וּמִצְוֹת ה', וּבָזֶה הַבִּטּוּל שֶׁמְּבַטֵּל שִׂכְלוֹ, לְבַסּוֹף מִתְעַלֶּה גַּם כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת שֶׁהִתְבּוֹנֵן בְּשִׂכְלוֹ לִמְצֹא דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר."

ג] דער ענין אז יעדע מחשבה און געדאנק פונעם מענטש, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, ווערט אריינגעשיקט אין מוח דורכ'ן באשעפער, ווערט אויסגעשמועסט אין ספה"ק "מאור עינים" (ואתחנן ד"ה ואתחנן) וזל"ק:

"שֶׁצָּרִיךְ כָּל בַּר יִשְׂרָאֵל לְהַאֲמִין בְּכָל הַנְהָגוֹתָיו בֵּין בְּגַשְׁמִי בְּעֵסֶק פַּרְנָסָתוֹ וְעִסְקֵי העוה"ז וּבֵין בְּרוּחָנִי בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ, כִּי הָעֵצָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁבָּא לוֹ בְּמוֹחוֹ קֹדֶם שֶׁיַּעֲשֶׂה הַדָּבָר, הוּא שָׁלוּחַ אֵלָיו מִמָּרוֹם קָדְשׁוֹ לְהַדְרִיכוֹ בַּדֶּרֶךְ יֵלֵךְ בִּכְדֵי שֶׁיִּשְׂתַּכֵּר וְיַרְוִיחַ בַּמַּשָּׂא וּמַתָּן הַהוּא שֶׁרָצוֹן הָקֵל יִתְבָּרֵךְ עָלָיו בָּעֵת הַהִיא שֶׁיְּהֵא כָּךְ, וְהַהִפּוּךְ חַס וְשָׁלוֹם בְּאִם שֶׁרְצוֹנוֹ ית"ש לַהֲבִיאוֹ לִידֵי הֶפְסֵד יִתֵּן בְּלִבָּבוֹ עֵצָה וְרָצוֹן שֶׁיַּעֲשֶׂה כָּךְ שֶׁעַל יְדֵי סִבָּה זוֹ יָבֹא לוֹ הַהֶפְסֵד."

# אין איין ווארט: מען ניצט דעם שכל, אבער נאר מיט דער אמונה אז דער אויבערשטער לייגט אריין דארט די ריכטיגע החלטות, און נישט ווייל מען פארלאזט זיך אויפ'ן שכל.

## דער חילוק צווישן ביטול הרצון און ביטול השכל

לאמיר זיך יעצט מתבונן זיין און פארשטיין דעם גרינטליכן חילוק צווישן מבטל זיין דעם 'רצון' פארן אויבערשטן, און מבטל זיין דעם 'שכל', לויט וואס מיר האבן ביז יעצט געשמועסט.

מבטל זיין דעם רצון און מבטל זיין דעם שכל זענען צוויי אנדערע עבודות. מבטל זיין דעם רצון מיינט אז אפילו איך 'וויל' איין זאך, אנערקען איך אז פון הימל וויל מען א צווייטע זאך, און דאס איז דאס בעסטע פאר מיר. דאס איז די מדריגה פון קבלת יסורים באהבה, און בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ - א מענטש זאל זיך מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פארן אמת'ן רצון פונעם אויבערשטן.

מבטל זיין דעם שכל מיינט אז אפילו איך 'פארשטיי' אזוי, בין איך מבטל מיין אייגענעם פארשטאנד צום הייליגן באשעפער. מען רעדט נישט דא פון ווילן עפעס, מען רעדט דא פון פארשטיין אז אזוי דארף זיין, מיט קלארע אויסגעבויטע ראיות און הוכחות, אבער פונדעסטוועגן בין איך מבטל מיין שכל צום דעת עליון. **איך 'פארשטיי' נאר וואס דער אויבערשטער וויל איך זאל פארשטיין.**

## וועלכע איז שווערער?

פאר געוויסע מענטשן קען זיין א שווערערע עבודה מבטל צו זיין דעם רצון. איך וויל דאך אזוי שטארק האבן דאס און דאס, און פון הימל וויל מען עס נישט. אזא איינער דארף ארבעטן אויף זיך פשוט אנצונעמען מיט ליבשאפט אלעס וואס מען וויל פון הימל.

אבער פאר אנדערע מענטשן, וואס זענען מער שכל'דיג געבויט און האבן ליב צו זיך צו פארטיפן אין יעדער זאך, קען זיין פיל שווערער מבטל צו זיין דעם דעת און פארשטאנד, ווייל עס דאכט זיך 'זיי אזוי קלאר' אז זיי פארשטייען עס גרינטליך און אז זיי 'האבן עס ארויס'. **ווי קען זיין אז איך, דער גרויסער בעל שכל, זאל מאכן א טעות?**

די עבודה על פי חסידות פון 'מידת האַיִן' איז צו **שטרעבן מבטל צו זיין סיי דעם רצון און סיי דעם שכל,** און געדענקען אז דער גאנצער מענטש, סיי אלע זיינע רצונות וואס ער וויל פאר זיך און סיי אלע זיינע מחשבות, חידושים, בליצן און רעיונות וואס ער טראכט און קלערט; זענען בטל ומבוטל קעגן דעם רצון ה' און קעגן דעם דעת עליון, און אלעס וואס מען (מיינט אז מען פארשטייט שוין יא, איז אויך נאר פון הימל.

דער דעת עליון איז עפעס וואס לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָא בֵּיהּ כְּלָל – קיין שום מחשבה קען אים נישט תופס זיין, און יעדע החלטה וואס א מענטש מאכט, געבויט אויפ'ן אייגענעם שכל, איז נאר ווייל דאס האט מען אים אריינגעגעבן פון הימל. דער קליגסטער מענטש קען זיך טועה זיין, און קיינער, אבער קיינער, זאל זיך נישט איינרעדן אז זיין שכל האט א זעלבסטשטענדיגן כוח פאר זיך.

# חסידיש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **א איד וואס לעבט וויסנדיג אז זיין שכל איז בטל צום אויבערשטן, ליידט נישט פון קיין שולד-געפילן ווען ער טרעפט זיך מאכן א טעות.**
- כאטש וואס עס דאכט זיך אז מען מאכט א באשלוס מיט'ן אייגענעם שכל, ווערט מען באמת געפירט פון הימל.
- **אפילו ווען מען מאכט א החלטה אין עבודת ה' קען מען אויך מאכן א טעות, און דאך איז דאס דער רצון ה'.**
- ביטול השכל מיינט אז נישט קיין חילוק ווי קלוג און דורכגעטראכט מען איז, געדענקט מען אז דער אייגענער פארשטאנד איז גארנישט קעגן דעם דעת עליון.
- **ביטול השכל לערנט אונז אז דער שכל איז נישט דער בעל הבית אויפ'ן מענטש, נאר דער באשעפער איז דער וואס גיט אריין די געדאנקען אינעם שכל.**
- עס איז נישט גענוג צו ארבעטן אויף די מידות דורכ'ן ניצן דעם שכל, ווייל די מידות רעות פארבלייבן נאך אינעם מענטש.
- **די מידה פון 'ענוה' און 'ביטול השכל' רייסט אויס אלע שלעכטע מידות, ווייל דער מענטש גיט זיך אינגאנצן אונטער צום אויבערשטנ'ס ווילן.**
- ביטול הרצון מיינט אז 'איך' וויל' אבער כ'בין עס מבטל צום רצון ה', און ביטול השכל מיינט אז 'איך' פארשטיי' אז 'איך' פארשטיי' באמת גארנישט.'
- **עבודת המידות ע"פ חסידות איז מבטל זיין סיי דעם רצון און סיי דעם דעת צום אויבערשטן, וואס דורכדעם ווערט מען פטור פון אלע שלעכטע מידות.**

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com